מײַן באַגעגעניש מיט אַלבערט אײַנשטײַן

געווען איז דאָס בײַ אַ זיצונג פון דעם אידישן קאָונסיל פאַר סאָוועטישע הילף. בײַ דער זיצונג איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע - ווי אַזוי צו (מען [illegible] פאַרבינדונגען מיט) ברײַנגען דעם אידישן קאָונסיל צו די אידישע מאַסן. ווי אַזוי ~~זאָלן~~ קענען גע-שאַפן ווערן באַדײַטנדיקע סומען הילף פאַרן סאָוועטן פאַרבאַנד. ווי אַזוי זאָלן די אידן אין די פאַראײַניגטע שטאַטן רעאַגירן אויף דער ~~[illegible]~~ אויסראָטונג פּאָליטיק פון דעם פאַשיזם. ~~ווי אַזוי צו~~ דורך שיקן וואָס גרעסערע הילף צו די [illegible] וואָס זײַנען שרעקלעך געטראָפן געוואָרן פון דער פאַשיסטישער, מערדערלעכער האַנט.

אַב. גאָלדבערג, וועלכער איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער פון דעם [illegible] קאָמיטעט פאַר סאָוועטישער הילף, האָט אַרויסגעבראַכט דעם פאָלגענדיקן געדאַנק: מען וואָלט זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט אַלבערט אײַנשטײַן, וועלכער איז אַ מיטגליד פון דעם אַלגעמײַנעם קאָמיטעט פון דעם „ראַשען וואָר רעליף”, און אים דערצײַלן וועגן דער גרינדונג פון דעם אידישן קאָונסיל, וואָס איז אַ טײל פון דעם אַלגעמײַנעם הילפס קאָמיטעט ~~ווען אַלבערט אײַנשטײַן איז אַ מיטגליד.~~

אַב. גאָלדבערג האָט אונטערשטראָכן אַז ניט נאָר איז אַלבערט אײַנשטײַן אַ גאָניאַלער מענטש, ([illegible]) נאָר אויך אַ גוטער איד. און אַז ער וועט באַשטימט נעמען אויף זיך התחיבות פאַר דער טעטיקײַט פון דעם אידישן קאָונסיל.

און אויפן סוף האָט דער פאָרזיצער געזאָגט: אויב איר האָט ניט געגען

װעל איך באשטימען א קאָמיסיע פון דריי װאָס זאָל פאָרן קיין פרינסטאָן זיך באגעגענען מיטן גרויסן מענטשן, דיסקוטירן מיט אים אָט די פראגן.

#אלע זיינען געװען צופרידן מיט דעם געדאנק און דעם פאָרשלאג, און דער פאָרזיצער קוקט אויף די פארזאמלטע און נאָמינירט דריי מיטגלידער פונם קאָמיטעט. און װי גליקלעך בין איך געװען צו הערן אויסרופן צװישן די דריי אויך מיין נאָמען. און װען אלע אָנװעזנדע מיטגלידער האָבן צוגעשטימט סיי צו דעם גע-דאנק פון דאַנקען צו אײַנשטײַנען די קאָמיטעט. סיי צו דעם פערסאָנאל פון דער קאָמיטע, איז װיס איך נישט װי אנדערע מיטגלידער האָבן געפילט, נאָר מיין הארץ האָט שטארק אָנגעהייבן קלאפן פאר פרייד.

איך האָב זיך געפרייט פאר צװיי זאכן: ערשטענס פאר דעם װאָס דער קאָמיטעט װעט דורך דער באגעגעניש מיט איינשטיינען און מיט זײַן צושטימונג זיין בכ/ח אװעקצושטעלן דעם מעשׂה ענין פאר דער ברייטער אידישער עפענטלעכקייט, און צװייטנס טאקע פאר דעם װאָס איך בין אויסגעקליבן געװאָרן און דער קאָמיסיע פֿון דרײַ זיך פערזענלעך צו באגעגענען מיט איינעם פון די [illegible] גרעסטע מענטשן פון אונזער צייט, מיט איינעם װאָס האָט ארויסגעװיזן אזוי פיל סימפאטיע און גרייטקייט צו העלפן אלע אנטי-פאשיסטישע כוחעס אין יענעם מאָמענט.

נאָך דעם װי אלע דריי נאָמינירטע האָבן מיט פארגעניגן אָנגענומען ~~און~~ און דער [illegible] האָט די קאָמיטעט. האָט די דאמאָלסדיקע סעקרעטארשע פון דעם אידישן קאונסיל ~~[illegible]~~ גלייך גענומען דעם טעלעפאָן כדי אויסצוגעפינען צו ער האָט [illegible] [illegible] אַלע קאָמיסיע, דעם טאָג און די צייט װען ~~אלבערט איינשטיין~~ ער װעט קאָנען אויפנעמען די קאָמיטע.

און מיר דערוואַרטן זיך טאַקע גלייך
~~די סעקרעטאַרשע אינפאָרמירט אונז~~ אז אין א שעה ארום, פונקט פיר אזייגער
וועט מען אונז לאָזן וויסן שפּעטער סיי דעם טאָג סיי די צייט ווען מיר וועלן קאָנען
זיך באַגעגענען מיט אלבערט איינשטיין. # דער מיטינג האָט זיך געזאָלט שפּעט שליסן
נאָר אלע האָבן פארשטאַנען די וויכטיקייט פון דער מיסיע און געוואָלט וואַרטן
פאַר אַן ענטפער, ~~מיר~~ האָבן פאָרגעזעצט דיסקוטירן די פּראָבלעמען פון דעם
אידישן קאָונסיל וואָס זײַנען [illegible] פֿון דער פּרעזידענטשאַפֿט [illegible]. און טאַקע אין א שעה ארום, פונקט פיר אזייגער, דער
טעלעפאָן קלינגט און אלבערט איינשטיינ'ס סעקרעטאַרשע אינפאָרמירט אונז
אז קומענדיקן מיטוואָך, צוויי בייטאָג, וועט אונז דער דאָקטאָר קאָנען אויפנעמען.

ערשט דאַמאָלט האָט ~~ס זיך אַנטוויקלט~~ אָנגעהויבן 13 א דיסקוסיע ארום דער פראַגע
וואָס פאַר א קאָנקרעטן פאָרשלאַג ברענגען מיר צו אלבערט איינשטיין'ען. וואָס ווילן מיר אז
ער זאָל טאָן פאַר דעם אידישן קאָונסיל פאַר סאָוועטישע הילף. עס האָבן גערעדט
כמעט אלע מיטגלידער און גערעדט מיט זייער פיל וואַרעמקייט, סיי וועגן דעם געדאַנק
וואָס אב. גאָלדבערג, אונזער פּרעזיצער, האָט די זאַך געבראַכט צו דעם קאָונסיל,
סיי וועגן דער באַגעגעניש וואָס איז שוין געווען א באַשטימטע זאַך און וואָס אלע
האָבן איינגעשטימט אז דאָס וועט אונז העלפן צו מאַכן גרעסערע שריט פאָראויס
און אז דער אידישער קאָונסיל וועט מיט אלבערט איינשטיינ'ס הילף אויסוואַקסן אין יענער גרויסער אידישער
אָרגאַניזאַציע וואָס די צייט האָט געפאָדערט. נאָך א קורצע און זייער וואַרעמע
דיסקוסיע איינִיקן זיך אלע מיטגלידער פון דעם קאָונסיל אויף דעם

פאָלגענדיקן פאָרשלאג: 1. אָפגעבן אלבערט איינשטיינען אן אויספירלעכן באריכט וועגן די צילן און אויפגאבן וועלכע האָבן געבראכט דעם קאונסיל צום לעבן, און וואָס איז שוין געטאָן געוואָרן ביז איצט. און צווייטנס, באטראכטן מיט איינשטיינען צוזאמען די מעגלעכקייט פון א גרויסער פארזאמלונג אין מעדיסאָן סקווער גארדן אויף וועלכן ער זאָל רעדן. און דריטנס, אוועקשטעלן פאר אים די פראגע וועגן דער אָרגאניזירונג פון א פאלקס באנקעט טאקע פאר איינשטיינען, וואו מיר זאָלן קאָנען ברענגען, סיי אידעאָלאָגיש דעם קאונסיל פארן אידישן עלום, סיי שאפן גרויסע סומען, טאקע עטלעכע צענדליק טויזנט דאָלאר. און פערטנס, טאקע פארלאנגען פון אים אז ער זאָל באטראכטן דעם ענין און געבן זיינע רעקאָמענדאציעס פאר דער ווייטערדיקער טעטיקייט פון דעם קאונסיל.

מיטוואָך פונקט עלף אזייגער אין דער פרי זיינען די דריי מיטגלידער פון דעם אידישן קאונסיל צוזאמען מיט דעם פארטרעטער פון „ראָשען וואָר רעליף" געווען אין פראָנט פון דעם אָפיס פון וואנענט דער אָוטאָמאָביל איז ~~אָרוג~~ אר אויסגעפאָרן. מיר האָבן נישט געדארפט קיין דריי שעה צו פאָרן אין פרינסטאָן צוויי שעה איז גענוג געווען. נאָר מיר האָבן ניט געוואָלט פארשפעטיגן אויף א סעקונדע צו זיין דאָרט, אייב מעגלעך א ביסעלע פריער פאר דער צייט. און אזוי איז דאָס טאקע געווען.

איך ווייס ניט ווי אזוי דאָס האָט פּאסירט, אָבער זיצנדיק אין דער מאשין איז מיר ארויפגעקומען אויפן געדאנק א מעשה וואָס דער פארשטאָרבענער ב. פייגענבאום פלעגט זייער אָפט דערציילן. די מעשה איז אומגעפער געווען אזוי: אז א גרויסער מענטש איז פּונקט דאָס פארקערטע פון א גרויסן בארג. א גרויסער בארג, פלעגט ער אונטערשטרייכן איז פון דערווייטנס וואָס קלענער; וואָס נעענטער איר קומט צו צום בארג אלץ גרעסער וואקסט ער אויס פאר אייערע אויגן. א גרויסער מענטש איז פון ווייטנס וואָס גרעסער, וואָס נעענטער איר קומט צו צו אים ווערט ער קלענער אין אייערע אויגן. איך האָב ניט געוואָלט אז דאָס זאָל פּאסירן מיט אונזער גרויסן איינשטיינען, אזוי האָבן אים אלע גערופן. איך האָב די מעשה דערציילט צו די מיטפאָרנדיקע און אלע האָבן געוואָלט אז געשעען זאָל פּונקט דאָס פארקערטע, אז פון דער נאָענטן זאָלן מיר דעם גרויסן איינשטיינען דערזען נאָך גרעסער. און ער האָט אונז ניט אָפּגענארט. דער דרך ערץ פון אלע מיטגלידער איז נאָך גרעסער געוואָרן נאָך דער באגעגעניש. ביי די ערשטע ווערטער וואָס אלבערט איינשטיין האָט ארויסגערעדט פאר דער קאָמיטע האָבן מיר דערזען אז דאָס וואָרט „גרויסער מענטש” איז ניט איבערטריבן. ווי איינשטיין האָט זיך אומבארעכטיקט דורך מיטגליד פון דער צייטונג,

דער פארטרעטער פון דעם אלגעמיינעם קאָמיטעט פאר סאָוועטישע הילף גיט איינשטיין איבער אין קורצע ווערטער וואָס האָט באוועגט דעם אידישן קאונסיל צו שיקן די קאָמיטע צו אים. אלבערט איינשטיין בעט אנטשולדיגונג פארוואָס ער וויל

פרעגן דער קאָמיטע א ~~קשה~~ פראגע. ער וויל אז דער שמועה זאָל זיך אָנפאנגען פון אָטאָ דער קשה. צוליב, וואָס, פרעגט ער דארף מען האָבן א אידישן קאונסיל פאר סאָוועטישע הילף? ער וויל פריער קלאָר ווערן וועגן דעם ענין ~~וועט א ער דאן~~ וועט ער שפּעטער זײַן פֿרײַ קאָנען שמועסן מיט אונז וועגן די אנדערע ענינים. איך וויל מיינע פריינט אז איר זאָלט מיר פארשטיין. איך בין נישט קיין אסימילאטאָר, וואָס גלויבט אז מען טאָר ניט האָבן קיין אידישע קערפּערשאפט פאר אזא נויטיקע זאך. איך בין אויך נישט קיין נאציאָנאליסט, וואָס האַלט אז מען מוז האָבן אידישע קערפערשאפטן פאר אלע זאכן. האָט איר דען נישט קיין צוטרוי אז דער סאָוועטן פארבאנד וועט איינטיילן די הילף אויף א ישורדיקן אופן און דאָרט וואו די נויטן זיינען גרעסערע וועלן זיי דען ניט באקומען קיין גרעסערע הילף?

אָט די ווערטער האָט ער ארויסגערעדט אויף אזא מין מענטשלעכן אופן און אויף אזא מיט פשוט׳ן אופן, אז אלע זאָלן קאָנען זען דעם ציל פון זיינע פראגן. און געשטעלט האָט ער די פראגן ניט מיטן ציל אז ער זאָל קאָנען האָבן אן אויסרייד פאר דעם וואָס ער וועט נישט וועלן טאָן די אָדער יענע זאך וואָס דער קאָמיטעט וועט פארלאנגען פון אים. ניין, בשום אופן ניט. ער האָט געפרעגט די פראגע כדי אז ער זאָל זיין בכח צו מאַכן א גרעסערן און ווירדיגערן ביישטייער פאר דער זאך וואָס עס איז געווען אזוי נאָענט צום הארצן. וויל איר האָט נישט געזען אין זיינע פראגן קיין ברעקל אנטאגאָניזם. איר האָט געזען א

באגער אויפצוקלערן אָטאָ די ענינים אין וועלכע ער איז ניט געווען פולשטענדיק קלאָר. און ער האָט דערפילט אז איידער מען גייט איבער צו די אנדערע פראָגן דארף אָטאָ די פראגע פארענטפערט ווערן. און צוגעגעבן האָט ער (מיר וועלן דערווייל טרינקען א גלעזל טיי, וואס די סעקרעטאַרשע האָט אַרײַנגעבראַכט.